# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................4:14
מוצאי שב"ק.....................5:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................איוב כ'-כ"א
בבלי...........................נדה נ"ב
ירושלמי....................עירובין י'
תוספתא....................בכורות ו'
רמב"ם....................מכירה כ"ג


פרשת וישלח, ט"ז כסלו, שנת תש"פ לפ"ק

שנה 9, גליון 12 (426)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב ... הַצִּילֵנִי נָא מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תּוֹסֶפְתָּא נִדָּה, פֶּרֶק ה-ז): "מַעֲשֶׂה בְּתִינוֹק אֶחָד שֶׁהָיוּ בָּאִין בַּסְּפִינָה, וְעָמַד עֲלֵיהֶן נַחְשׁוֹל, וְהָיוּ זוֹעֲקִין לֵאלֹהֵיהֶם. אָמַר לָהֶן אוֹתוֹ הַתִּינוֹק, עַד מָתַי אַתֶּם נִשְׁטִין? זַעֲקוּ לְמִי שֶׁבָּרָא הַיָּם!" עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד אוֹיף אַ שִׁיף, אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁטוּרֶעם וִוינְט, אַלֶע גוֹיִם הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן צוּ זֵייעֶרֶע גֶעטְשְׁקֶעס, הָאט דֶער קִינְד זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: "וִוי לַאנְג וֶועט אִיר זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּ אַייעֶרֶע גֶעטְשְׁקֶעס? שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וַואסֶער; זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה, אִיז צוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה וָואס רוּפְט זִיךְ 'הִתְבּוֹדְדוּת'; אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר טוּט דִי עֵצָה, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים רֶעדְט עֶר אוֹיס פַארְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, עֶר דֶערְצֵיילְט אַלֶע זַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, אַלֶע זַיינֶע דִיבּוּרִים, אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אִין גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט. מֶען וֶוערְט נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט אַזוֹי שְׁנֶעל וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי מֶען הָאט גֶעוָואלְט, וַוייל וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אִים אוֹיסְגֶעקְלָארְט אוּן אַיינְגֶעקְרִיצְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת חַס וְשָׁלוֹם, זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה וָואס מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין דִי וֶועלְט: "תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת"; גֵיי אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵייל אִים וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, וָואס שְׁטֶערְט דִיר, אוּן בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן, וֶועסְטוּ זֶען אַז אַלֶעס וֶועט זִיךְ טוּישְׁן, דַיין לֶעבְּן וֶועט דִיר שֵׁיין וֶוערְן אוּן דוּ וֶועסְט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דַיין לֶעבְּן.

אִין אָנְהֵייב אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט מַאכְט עֶר זִיךְ אַ מְחִיצָה צְוִוישְׁן אִים אוּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (יְשַׁעְיָהוּ נט, ב): "כִּי אִם עֲוֹנֹתֵיכֶם הָיוּ מַבְדִּלִים בֵּינֵכֶם לְבֵין אֱלֹקֵיכֶם", מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶערִיבֶּער אִיז שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן צוּ אִים כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ. אָבֶּער אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ מִיטְ'ן בֶּעטְן אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ לֶעבְּן אַ גוּטֶע לֶעבְּן, מֶען שְׁפִּירְט אַלֶע טַעֲמִים פוּן גַן עֵדֶן אוֹיף דִי וֶועלְט.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### שְׁטַארְקֶע כּוֹחוֹת אִין מוֹיל

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל, דֶער אִיד הָאט גֶעוֵויינְט מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת אַז עֶר קוּמְט יֶעצְט פוּנֶעם דָאקְטֶער, אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען הָאט גֶעפִינֶען בַּיי אִים אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְרֶענְק אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מֶער וִוי פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן. דֶער אִיד הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט אַז עֶר צִיטֶערְט פַארְן טוֹיט, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

דֶער חֲזוֹן אִישׁ זַצַ"ל הָאט גֶעעֶפְנְט אַ חוּמָשׁ בְּרֵאשִׁית אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֵיינֶען דִי פְּסוּקִים פוּן מַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם אֶחָד".. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי צְוֵוייטֶע טָאג אוּן דִי דְרִיטֶע טָאג אוּן דִי פֶערְטֶע טָאג "וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים".. "וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי".. אוּן דֶער חֲזוֹן אִישׁ הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט אוּן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם אִיד: "קוּק וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַלְץ בַּאשַׁאפְן אִין פִיר טֶעג. דִי הִימְל אוּן עֶרְד, הִימְלֶען, יַמִּים אוּן יַבָּשָׁה, גְרָאז מִיט בֵּיימֶער, דִי זוּן אוּן דִי לְבָנָה מִיט דִי שְׁטֶערְנְס. אוּן דוּ דֶערְשְׁרֶעקְסְט זִיךְ נָאךְ פוּן דֶעם וָואס דֶער דָאקְטֶער גֶעבְּט דִיר נָאר פִיר טֶעג צוּ לֶעבְּן?! דוּ וֵוייסְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען נָאךְ טוּישְׁן אִין דִי פִיר טֶעג?"

"אִיךְ וָואלְט דִיר גֶערָאטְן" - הָאט אִים דֶער חֲזוֹן אִישׁ גֶעזָאגְט - "אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ גוּט אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאלְסְט אִים בֶּעטְן אַ גַאנְצֶע רְפוּאָה, אוּן דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶען וִוי דוּ וֶועסְט הָאבְּן אֲרִיכַת יָמִים וְשָׁנִים גֶעזוּנְטֶערְהֵייט".

דֶער אִיד הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס אַ לֵיידִיגֶע שׁוּל, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גוּט אוֹיסְגֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר הָאט טַאקֶע גֶע'פּוֹעֶלְ'ט אַ יְשׁוּעָה, עֶר אִיז גֶעזוּנְט גֶעוָוארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶעבְּט נָאכְדֶעם צֶען יָאר גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מוּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ שְׁפִּירְן קְלֵיין, עֶר זָאל טְרַאכְטְן אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט מֶער וִוי אַ פְּשׁוּטֶער אִיד, וִוי אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען פּוֹעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן מִיט דַיין פָּשׁוּטֶע תְּפִלָּה?

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיר הָאבְּן אִין זִיךְ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא'דִיגֶע כּוֹחוֹת. יֶעדֶער אִיד הָאט אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אִין זַיין מוֹיל, אוּן עֶר קֶען בְּלוֹיז מִיט זַיין מוֹיל אוֹיפְטוּן גָאר גְרוֹיסֶע זַאכְן. תְּפִלָּה אִיז וִוי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הַאקְט

<<<<<<

## א גוט ווארט

זַיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גוּט אוּן טוּט נָאר גוּטְס מִיט דִיר. דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת וְכוּ' - אִיז אַ זַאךְ וָואס מוּז זַיין, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דַרְכֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן נב): כָּךְ רָאוּי לִהְיוֹת דַּיְקָא, שֶׁיִּהְיוּ קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְכָךְ נָאֶה וְיָפֶה לוֹ יִתְבָּרַךְ". אַזוֹי דַארְף זַיין, אַזוֹי קוּמְט עֶס זָאל זַיין אוּן אַזוֹי אִיז שֵׁיין - עֶס זָאל זַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט וַוייטֶער: "אִם הָיָה הַנְהָגָתוֹ כְּפִי חִיּוּב דַּעְתֵּנוּ, אִם כֵּן הָיָה - חַס וְשָׁלוֹם - דַּעְתּוֹ כְּדַעְתֵּנוּ", וַוייל אוֹיבּ וָואלְט מֶען וֶוען פַארְשְׁטַאנֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט, וָואלְט דָאךְ חַס וְשָׁלוֹם גֶעוֶוען אוּנְזֶער שֵׂכֶל אַזוֹי וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס פַארְשְׁטַאנְד. אָבֶּער - הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט - וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר גְלֵייבְּט אַז אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים אִיז נָאר פַאר זַיין טוֹבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תש"פ)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מִיט כֹּחַ קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּצֵא,

ח' כִּסְלֵיו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

זַיי מִיר מוֹחֵל אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן רֶעדְן מִיט דִיר נֶעכְטְן נָאכְן שִׁיעוּר, אִיךְ בִּין גֶעלָאפְן צוּ אַ מִשְׁפָּחָה שִׂמְחָה.

אִיךְ וֵייס אוֹיךְ דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן אֵייגֶענֶע הָאר; אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ יָארְן לַאנְג אוּן גֶעהֶערְט ווִי מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וֵיינְט אוּן בֶּעט זִיךְ בַּיי דִי פְרוֹיעֶן זֵיי זָאלְן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן זֵייעֶר הָאר, אָבֶּער מִיט כֹּחַ וֶועט דָאס נִישְׁט גֵיין.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט אַלֶע יָארְן: מֶען קֶען נִישְׁט צְווִינְגֶען אַ וַוייבּ וְכוּ'; אַז מֶען ווִיל פוּעְל'ן בַּיי דִי וַוייבּ אִיז דָא אֵיין וֶועג: "רֶעדְן שֵׁיין", מֶער פוּן דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט. דָאס הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעלֶערְנְט מִיט אוּנְז אוּן גֶע'חַזְרְ'ט אַלֶע יָארְן, "מִיט כֹּחַ קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, עֶס וֶועט נָאר וֶוערְן עֶרְגֶער".

גְלֵייבּ מִיר, אִיךְ וֵייס דָאס הַארְבְּקֵייט פוּן אֵייגֶענֶע הָאר; בָּרוּךְ ה' בַּיי אוּנְז אִין סְקוּל אִין "בֵּית פֵיגָא" שֶׁערְן זִיךְ אַלֶע תַּלְמִידוֹת דִי הָאר. מִיר גֵייעֶן אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, מִיר הָאבְּן נִישְׁט צוּ טוּן מִיט חֲכָמִים וָואס פַארְשְׁטֵייעֶן בֶּעסֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; אָבֶּער אַז דַיין וַוייבּ הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז זִי ווִיל נִישְׁט מֶער שְׁנֵיידְן דִי הָאר וְכוּ', קֶענְסְטוּ נָאר טוּן תְּפִלָּה, אוּן חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין טֵייעֶרֶע לִיבֶּער חָבֵר, נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן; גֵיי אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, הָאסְט דָאךְ אַ בַּאקְוֶועמֶע קַאר, פָאר מִיט דַיין קַאר צוּ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ, שְׁטֶעל דַיין קַאר אִין אַ זַייט, צִינְד אָן אַ וַוארֶעמֶע נִיגוּן וָואס עֶפְנְט דִי הַארְץ אוּן גִיס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט, זָאג אִים אַלֶעס אוֹיס, זָאג אִים דַיינֶע וֵוייטָאגְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

הֶער אוֹיף רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער אַנְטְקֶעגְן דַיין שְׁוֶוער; מֶען טָאר נִישְׁט זָאגְן פַאר קִינְדֶער: "זֵיידִי אִיז אַ שֵׁגֶץ !" אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער אַזוֹי רֶעדְן וֶועסְטוּ בַּיים סוֹף אַלֶעס פַארְלִירְן, אַלֶע וֶועלְן לַאכְן פוּן דִיר. פִיר נִישְׁט קַיין מִלְחָמוֹת מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט, דוּ זָאלְסְט שֵׁיין רֶעדְן צוּ דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זֵיי טוּן דַיין ווִילְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי זֵייעֶר גוּט דַיין וֵוייטָאג; מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ נֶעם זִיךְ אָן פַאר דַיין וַוייבּ, אִיךְ נֶעם זִיךְ אָן מֶער פַאר דִיר, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֵצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּצֵא תש"פ)

>>>>>>
רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס. וֶוען מִיר זָאלְן זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן ווִיסְן אוּנְזֶערֶע כּוֹחוֹת אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מִיר דַארְפְן, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אוֹיסְ'פוּעְל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אוּן סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מִיר לַאנֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי כֹּחַ פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, מִיר גֵייעֶן אִין זֵייעֶרֶע וֶועגְן אוּן מִיר זֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט, דַאן קֶענֶען מִיר נָאךְ אַסַאךְ מֶער, שְׁנֶעלֶער אוּן גְרִינְגֶער פוּעְל'ן אַלֶעס.

בַּיים הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי אוּרִי סְטְרֶעלִיסְקֶער זי"ע הָאט אַמָאל פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן "דֶער 'שָׂרָף' פוּן סְטְרֶעלִיסְק", וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק פְלַאם פֵייעֶר פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין דַאוֶונֶען אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען מִיט אַ גְרוֹיסֶע בְּרֶען אוּן פֵייעֶר. אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, אוּן דֶערְוַוייל אִיז דָארְט דוּרְכְגֶעפָארְן אַ גוֹי'אִישֶׁער פָּרִיץ אוּן גֶעהֶערְט זַיין דַאוֶונֶען, דֶער פָּרִיץ אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּנֶעם דַאוֶונֶען אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דַאוֶונֶען.

נָאכְ'ן דַאוֶונֶען אִיז דֶער פָּרִיץ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם צַדִּיק אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ קְלֶער אַז אוֹיבּ זֶענְט אִיר נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן פוּן גָלוּת נָאךְ אַזַא דַאוֶונֶען, וֶועט אִיר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת". עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז אוֹיבּ דֶער צַדִּיק הָאט אַזוֹי גֶעדַאוֶונְט מִיט אַזַא בְּרֶען אוּן פֵייעֶר אוּן עֶר קֶען נִישְׁט בְּרֶענְגֶען מִיט דֶעם מָשִׁיחַ'ן, ווֶער דֶען וֶועט קֶענֶען פוּעְל'ן דִי יְשׁוּעָה? הָאט אִים דֶער צַדִּיק מַסְבִּיר גֶעוֶוען מִיט אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זַיין גָארְטְן גָאר אַ גְרוֹיסְן אוּן דִיקְן בּוֹים, מַמָּשׁ אֵיינְס אִין דִי וֶועלְט. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעוָואלְט אָרָאפְּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים אוּן בּוֹיעֶן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ שֵׁיינֶע פַּאלַאצְן אוּן גָארְטֶענֶעס, עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דָאס וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין גְרִינְגֶע אַרְבֶּעט אַרָאפְּצוּנֶעמֶען דֶעם בּוֹים, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער עֶס וֶועט קֶענֶען בַּאוַוייזְן אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, וֶועט בַּאקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶע בַּאלוֹינוּנְג פוּנֶעם קֶענִיג.

עֶס זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים אוּן שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן פוּן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן לַאנְד, טֶעג אוּן נֶעכְט הָאבְּן זֵיי גֶעאַרְבֶּעט אוּן פְּרוּבִּירְט אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים, עֶס אִיז זֵיי אָבֶּער נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, דֶער בּוֹים אִיז גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיס אוּן דִיק אַז אֲפִילוּ דִי גְרֶעסְטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט בֵּייקוּמֶען.

נָאכְ'ן אַרְבֶּעטְן טֶעג אוּן וָואכְן אוֹיפְ'ן בּוֹים אָן קַיין שׁוּם עֶרְפָאלְג, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהוֹיבְן הֶענְט, אוּן גֶעזָאגְט פַאר'ן קֶענִיג אַז דֶער בּוֹים קֶען נִישְׁט אַרָאפְּשְׁנַיידְן. אוּן דַאן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ אִינְגֶער בָּחוּר'ל אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער אַרָאפְּצוּשְׁנַיידְן דֶעם בּוֹים...

אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט מִיט ווּאוּנְדֶער: "אוֹיבּ דִי גְרוֹיסֶע פֶּעסְט-גֶעבּוֹיעֶטֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן, ווִי אַזוֹי וֶועסְטוּ, אַ אִינְגֶער שְׁוַואכֶער בָּחוּר'ל, עֶס קֶענֶען דוּרְכְפִירְן ?"

דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ הַאמֶער, אוּן מִיט עֶטְלִיכֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, הָאט זִיךְ דֶער בּוֹים אוּנְטֶער גֶעבְּרָאכְן אוּן אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן...

דֶער קֶענִיג מִיט דִי גְרוֹיסֶע גִיבּוֹרִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעווּאוּנְדֶערְט ווִי אַזוֹי דֶער בָּחוּר הָאט גֶעקֶענְט בַּאוַוייזְן אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה. דֶער בָּחוּר הָאט זֵיי אָבֶּער מַסְבִּיר גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט. "אִיךְ הָאבּ בַּאמֶערְקְט אַז אִין דִי טֶעג אוּן וָואכְן וָואס דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אוֹיפְ'ן בּוֹים, אִיז שׁוֹין דֶער בּוֹים זֵייעֶר אָפְּגֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארְן, אוּן יֶעצְט, נָאךְ אַזוֹיפִיל הַאקְן, קֶען מֶען עֶס גְרִינְג אַרָאפְּנֶעמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ מִיט אַ הַאמֶער, נָאר דִי גִיבּוֹרִים הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעהוֹיבְן הֶענְט אוּן אוֹיפְגֶעגֶעבְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעקְלֶערְט אַז אִיךְ וֶועל טוּן מַיינְ'ס, אוּן אֶפְשָׁר וֶועל אִיךְ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט וָואס זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְן. אוּן דֶערִיבֶּער הָאט אִיךְ טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶוען".

"דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִין גָלוּת" - הָאט דֶער שָׂרָף פוּן סְטְרֶעלִיסְק מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַאר'ן פָּרִיץ - "מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד טוּט, גֶעבְּט עֶר נָאךְ אַ הַאק אוֹיפְ'ן בּוֹים. דִי גִיבּוֹרִים - דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים - גֶעבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע קְלֶעפּ אוֹיפְ'ן בּוֹים, אָבֶּער אַזוֹי ווִי עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט פוּן דִי גְאוּלָה, הָאבְּן זֵיי נָאכְנִישְׁט דֶעם כֹּחַ אִינְגַאנְצְן אָפְּצוּהַאקְן דֶעם בּוֹים, זֵיי שְׁוַואכְן עֶס אָבֶּער זֵייעֶר שְׁטַארְק אָפּ. וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דֶער לֶעצְטֶער דוֹר וֶוען מָשִׁיחַ דַארְף שׁוֹין צוּ קוּמֶען, דַאן וֶועלְן אֲפִילוּ פְּשׁוּטֶע אִידְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם כֹּחַ אִים צוּ בְּרֶענְגֶען, וַוייל זֵיי קוּמֶען שׁוֹין נָאכְדֶעם וָואס דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן אַזוֹיפִיל אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט דִי אַלֶע יָארְן. זֵיי וֶועלְן נָאר זִיךְ דַארְפְן אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן נִישְׁט הוֹיבְן דִי הֶענְט, אוּן מִיט דֶעם אַלֵיין וֶועלְן זֵיי בְּרֶענְגֶען דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה".

אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל וֶוערְט אוֹיךְ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן וָואס הָאט דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן (כּוֹכְבֵי אוֹר, מַעֲשִׂיּוֹת וּמְשָׁלִים) וֶוען מֶען הָאט גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי נָתָן ווִי אַזוֹי דָאס קֶען זַיין אַז מָשִׁיחַ הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט דִי אִידְן אִין דִי צַייט פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים, ווִי אַזוֹי קֶען זַיין אַז מִיר וֶועלְן הַיינְט יָא זוֹכֶה זַיין דֶערְצוּ. הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם אַן עֶנְלִיכֶער מָשָׁל צוּ אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְד וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁטַארְק בַּאפֶעסְטִיגְט, אוּן ווִיפִיל שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן מֶען הָאט נָאר גֶעבְּרֶענְגְט זֵיי אַייְנְצוּנֶעמֶען, זֶענֶען זֵיי אַלֶע צוּפַאלְן. בִּיז עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרוּפֶּע פוּן אַלְטֶע אוּן שְׁוַואכֶע לַייט מִיט פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס יָא אַייְנְגֶענוּמֶען. וַוייל נָאכְדֶעם וָואס דִי שְׁטַארְקֶע סָאלְדַאטְן הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ אָפְּגֶעשְׁוַואכְט דֶעם מוֹיעֶר, אַז מִיט אַבִּיסְל אָנְשְׁטְרֶענְגוּנְג הָאבְּן עֶס שׁוֹין דִי שְׁוַואכֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיךְ גֶעקֶענְט בַּאזִיגְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר ווִיסְן אַז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז פִיל גְרִינְגֶער צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַייְנְנֶעמֶען אוּן בַּאזִיגְן דֶעם יֵצֶר הָרַע, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים הָאבְּן שׁוֹין גֶעאַרְבֶּעט פַאר אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַ חִיזוּק פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעזֶען קַיין יְשׁוּעָה, עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹיפִיל פְּרוּבִּירְט, גֶעאַרְבֶּעט אוּן גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדּוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעריִרְט, דַארְף עֶר אָבֶּער ווִיסְן דֶעם אֱמֶת אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אוּמְזִיסְט, עֶס הָאט זִיכֶער זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶערְנֶענְטֶערְט דִי יְשׁוּעָה, אוּן אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְּן דֶעם שֵׂכֶל נִישְׁט אוֹיפְצוּגֶעבְן נָאר וַוייטֶער אָנְהַאלְטְן מִיטְ'ן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין יְשׁוּעָה שׁוֹין זֵייעֶר נָאנְט, אוּן עֶר וֶועט זִיכֶער קֶענֶען דוּרְכְבְּרֶעכְן דֶעם מוֹיעֶר אוּן אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען דֶעם בּוֹים, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי עֶס הָאט זִיךְ דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט גֶערִירְט פוּן אָרְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ גִלּוּי אֵלִיָּהוּ, גִיבּוֹר, רְפוּאָה)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מט)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט אִיסְטַאנְבּוּל, אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

**רכד**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען צוּם קֶבֶר פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי נַפְתָּלִי כַּ"ץ זי"ע, דֶער בַּעַל סְמִיכַת חֲכָמִים, וָואס אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, עֶר הָאט גֶעוָואלְט פָאָרְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט אָבֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וַוייל אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אִיסְטַאנְבּוּל אִיז עֶר דָארְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אוּם כ"ו טֵבֵת שְׁנַת תע"ט, אוּן מְ'הָאט אִים דָארְט בַּאעֶרְדִיגְט. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין הֵיילִיגְן קֶבֶר, אוּן גֶעטוּן דָארְט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן.

**רכה**

גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן זַיין קֶבֶר, אִיז עֶר פְּלוּצְלִינְג אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אִיז אַזוֹי גֶעלִיגְן פַאר אַסַאךְ שָׁעוֹת. דֶערְנָאךְ הָאט מֶען אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּעט, אוּן עֶר אִיז גֶעלִיגְן דָארְט דִי גַאנְצֶע נַאכְט, בִּיז צוּמָארְגְנְס אִינְמִיטְן טָאג. עֶר אִיז גֶעלִיגְן אַזוֹי קְרַאנְק וִוי עֶר הַאלְט שׁוֹין בַּיים אוֹיסְגֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן קוּמֶען צוּ זִיךְ.

[טֵייל זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז דֶער צַדִּיק הָאט גֶעוָואלְט אַז דֶער רֶבִּי זָאל בַּאעֶרְדִיגְט וֶוערְן נֶעבְּן אִים, וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט זַיין דָארְט אַלֵיין, "וַוייל סְ'אִיז מִיר עֶלֶנְד דָא"].

**רכו**

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע מִלְחָמָה אוֹיפְ'ן יַם. אוּם כ"ח סִיוָן הָאט דֶער קֵייזֶער נַאפָּאלְיָאן פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ בַּאזִיגְט דִי עֶנְגְלֶענְדֶער, אוּן עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען דֶעם אִינְזְל מַאלְטַא וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ אִינֶעם מִיטְלְלֶענְדִישְׁן יַם. אוּם י"ז תַּמּוּז אִיז נַאפָּאלְיָאן אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, אוּן אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער, י"ח תַּמּוּז, הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען אַלֶעקְסַאנְדְרְיֶע, אוּן אוּם ח' אָב הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען דִי גַאנְצֶע לַאנְד מִצְרַיִם. אָבֶער נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער, אוּם י"ט אָב, הָאבְּן דִי עֶנְגְלֶענְדֶער זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּער דִי פְרַאנְצוֹיזְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעפִירְט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אִינֶעם טַייךְ נִילוּס, זֵיי הָאבְּן בַּאוִויזְן צוּ זִינְקֶען אַלֶע פְרַאנְצוֹיזִישֶׁע שִׁיפְן, אוֹיסֶער צְוֵויי.

**רכז**

דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן אֱלוּל, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אִין אִיסְטַאנְבּוּל אִין טֶערְקֵיי, הָאט טֶערְקֵיי אוֹיסְגֶערוּפְן מִלְחָמָה קֶעגְן דִי פְרַאנְצוֹיזְן, וַוייל מִצְרַיִם אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶער זֵייעֶר הֶערְשַׁאפְט. וֶוען דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן אִיסְטַאנְבּוּל הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דִי מִלְחָמָה רוּקְט זִיךְ צוּ זֵיי, אַז דִי פְרַאנְצוֹיזְן קוּמֶען צוּ גֵיין אוֹיפְ'ן יַם, הָאט דִי אִידִישֶׁע קְהִלָּה נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט קַיין שׁוּם אִיד אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטָאט, אַרוֹיסְצוּפָארְן אוֹיפְ'ן יַם.

דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ. עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, "זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ בִּין גְרֵייט זִיךְ אַרַיינְצוּלֵייגְן אֲפִילוּ אִין גָאר גְרוֹיסֶע אוּן שְׁרֶעקֶעדִיגֶע סַכָּנוֹת, אָבֶער אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט טוּן אוֹיף דַיין חֶשְׁבּוֹן. דֶערְפַאר, אוֹיב ווִילְסְטוּ, קֶענְסְטוּ נֶעמֶען גֶעלְט אוֹיף שְׁפֶּעזְן אוּן צוּרִיק פָארְן אַהֵיים בְּשָׁלוֹם, אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין טְרֶעפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ פָארְן בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אָן דֶעם וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן אִיסְטַאנְבּוּל זָאלְן וִויסְן דֶערְפוּן, וַוייל מִיךְ אַלֵיין בִּין אִיךְ מַפְקִיר, זָאל זַיין וָואס סְ'זָאל זַיין וְכוּ'".

פָאַרְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ מוּז זִיךְ זֵייעֶר בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס הָאבְּן גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן, וִוי אוֹיךְ דָאס לֶעבְּן פוּן מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, צוּם גוּטְן.

אִיךְ קוּם פוּן אַ לִיטְווִישֶׁע מִשְׁפָּחָה, אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן לִיטְווִישְׁן דֶרֶךְ הַלִּימוּד, אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּם רֶבִּינְ'ס דֶרֶךְ הַלִּימוּד, מִיט וָואס אִיךְ בִּין זִיךְ מַמָּשׁ מְחַיֶּה.

אִיךְ הָאבּ אָבֶער צְוֵויי פְרַאגֶעס אִיבֶּער דֶעם. אֵיינְס, דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן הָאבּ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַעֲלָה אַז אִיךְ קֶען לֶערְנֶען אִין יֶעדֶע צַייט, אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ הָאבּ נָאר אַפָּאר מִינוּט, אוּן אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין קֵיינֶעם, אִיךְ דַארְף נִישְׁט וַוארְטְן אוֹיף אַ חַבְרוּתָא, אוּן דָאס גְלַייכְן. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז דָאס אָבֶער אַ פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל דִי גְמָרָא זָאגְט דָאךְ הַארְבֶּע זַאכְן אַז מְ'זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען אַלֵיין נָאר מִיט אַ חַבְרוּתָא, אוּן דֶער דֶרֶךְ הַלִּימוּד קֶען אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען מִיט אַ חַבְרוּתָא.

צְוֵוייטְנְס, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה הָאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חֲשִׁיבוּת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּן מְ'טְרֶעפְט דָאס אוֹיךְ אִין זוֹהַר אוּן אִין נָאךְ סְפָרִים, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶער נִישְׁט וִוי אַזוֹי מְ'קֶען וֶוערְן אַ תַּלְמִיד חָכָם דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט ב"ה עֶטְלִיכֶע מַסֶכְתּוֹת, אָבֶער אִיךְ הָאבּ בְּלוֹיז 'גֶעדַאוֶוענְט' דִי וֶוערְטֶער, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט אַז אִיךְ קֶען יֶעצְט עֶפֶּעס מֶער פוּן פַאר דֶעם.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז חֶשְׁוָן, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דַיין לֶעבְּן אִיז דִיר לִיכְטִיג גֶעוָוארְן זַייט דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואס מֶען בַּאקוּמְט וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת וָואלְטְן אַלֶע גֶענוּמֶען דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

דִי אַלֶע וָואס רֶעדְן אוֹיף בְּרֶסְלֶב, וֶוען זֵיי וָואלְטְן וֶוען גֶעוואוּסְט בֶּאֱמֶת וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב'עֶ חֲסִידוּת – נִישְׁט נָאר וָואלְטְן זֵיי נִישְׁט גֶערֶעדְט אוֹיף בְּרֶסְלֶב, נָאר זֵיי וָואלְטְן אַלֶע גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן מִיט דִי קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קפב): "עָלַי אֵין חוֹלְקִים כְּלָל, רַק הֵם חוֹלְקִים עַל מִי שֶׁעָשָׂה כָּךְ, כְּמוֹ שֶׁבּוֹדִים הַחוֹלְקִים עָלָיו, וְעַל אִישׁ כָּזֶה בְּוַדַּאי רָאוּי לַחֲלֹק", אוֹיף מִיר קְרִיגְן זֵיי נִישְׁט, זֵיי קְרִיגְן אוֹיף אֵיינֶעם וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף אִים דִי אַלֶע לָשׁוֹן הָרַע'ס אוּן אוֹיף אִים דַארְף מֶען קְרִיגְן, אוֹיף אַזַא אֵיינֶעם קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "זֵייא הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁנִיצְט אַ מֶענְטְשׁ, אִין קְרִיגְן אוֹיף אִיהם", אוֹיף אִים קְרִיג אִיךְ אוֹיךְ.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי מֶעג מֶען לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן אַ חַבְרוּתָא וֶוען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן זֵייעֶר שַׁארְף (תַּעֲנִית ז.) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ נ, לו): "חֶרֶב" – עֶס זָאל קוּמֶען אַ שְׁוֶוערְד, "אֶל הַבַּדִּים" – אוֹיף דִי וָואס לֶערְנֶען אַלֵיינְס אָן קַיין חַבְרוּתָא; "וְנֹאָלוּ" – מֶען ווערְט פַארְנַארְט אוּן מֶען קוּמְט צוּ זִינְד וֶוען מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס; זָאגְט מֶען נָאךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן חֲזוֹן אִישׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (רְאֵה שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת תְּשׁוּבוֹת וְהַנְהָגוֹת חֵלֶק א, סִימָן תקמב; וְעוֹד) אַז דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אִין דִי צַייטְן פוּן חֲזַ"ל וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין סְפָרִים אוּן מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט בַּעַל פֶּה, דֶעמָאלְט אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט אַלֵיינְס קֶען מֶען צוּקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען מִיט טָעוּתִים דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט אַ חַבֵר, אָבֶער הַיינְט וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין סְפָרִים דַארְף מֶען נִישְׁט לֶערְנֶען דַוְקָא מִיט אַ חַבֵר; בִּפְרַט אַז מֶען זִיצְט אוּן מֶען פְּלוֹישְׁט מִיט אַ חַבֵר דֶעמָאלְט אִיז זִיכֶער בֶּעסֶער צוּ לֶערְנֶען אַלֵיינְס. וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֲגִיגָה יב:): "כָּל הַפּוֹסֵק מִדִּבְרֵי תּוֹרָה וְעוֹסֵק בְּדִבְרֵי שִׂיחָה, מַאֲכִילִין אוֹתוֹ גַּחֲלֵי רְתָמִים", וֶוער עֶס אִיז מַפְסִיק אִינְמִיטְן לֶערְנֶען בַּאקוּמְט אַן עוֹנֶשׁ אַז מֶען גֶעבְּט אִים צוּ עֶסְן גַחֲלֵי רְתָמִים.

יֶעצְט אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע אוֹיבּ דוּרְךְ זָאגְן קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין; עֶס אִיז כְּדֵי דוּ זָאלְסְט אַרַיין קוּקְן וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו): "טוֹב לִלְמֹד בִּמְהִירוּת וְלִבְלִי לְדַקְדֵּק הַרְבֵּה בְּלִמּוּדוֹ. רַק לִלְמֹד בִּפְשִׁיטוּת בִּזְרִיזוּת. וְלִבְלִי לְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ הַרְבֵּה בִּשְׁעַת לִמּוּדוֹ מֵעִנְיָן לְעִנְיָן, רַק יִרְאֶה לְהָבִין הַדָּבָר בִּפְשִׁיטוּת בִּמְקוֹמוֹ", עֶס אִיז גוּט מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל אוּן נִישְׁט מְדַקְדֵּק זַיין צוּפִיל בְּשַׁעַת מֶען לֶערְנְט, נָאר זֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פַּשְׁטוּת הַפְּשַׁט, "וְאִם לִפְעָמִים אֵינוֹ יָכוֹל לְהָבִין דָּבָר אֶחָד, אַל יַעֲמֹד הַרְבֵּה שָׁם וְיַנִּיחַ אוֹתוֹ הָעִנְיָן וְיִלְמַד יוֹתֵר לְהַלָּן", אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט זָאל מֶען נִישְׁט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט אוֹיף דֶעם עִנְיָן, עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען גֵיין וַוייטֶער, "וְעַל־פִּי הָרֹב יֵדַע אַחַר־כָּךְ מִמֵּילָא מַה שֶּׁלֹּא הָיָה מֵבִין בַּתְּחִלָּה, כְּשֶׁיִּלְמַד כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת לְהַלָּן יוֹתֵר", אוּן אַז מֶען לֶערְנְט אַסַאךְ וֶועט מֶען שְׁפֶּעטֶער פַארְשְׁטֵיין וָואס מֶען הָאט פְרִיעֶר נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען.

נָאךְ שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שָׁם): אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִמּוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד – לוֹמַר הַדְּבָרִים

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers





נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".

צו באקומען אין ישיבה
אדער רופט 347-509-4908

>>>>>>

כְּסֵדֶר", אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט גָארְנִישְׁט זָאל מֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער, "וּמִמֵּילָא יָבִין", אוּן בַּיים סוֹף וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין. "וְלֹא יְבַלְבֵּל דַּעְתּוֹ בִּתְחִלַּת לִמּוּדוֹ שֶׁיִּרְצֶה לְהָבִין תֵּכֶף, וּמֵחֲמַת זֶה יִקְשֶׁה לוֹ הַרְבֵּה תֵּכֶף וְלֹא יָבִין כְּלָל. רַק יַכְנִיס מֹחוֹ בְּהַלִּמּוּד וְיֹאמַר כְּסֵדֶר בִּזְרִיזוּת וּמִמֵּילָא יָבִין", מֶען זָאל נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען לֶערְנְט, וָואס דָאס אַלֵיינְס - אַז מֶען ווִיל גְלַייךְ פַארְשְׁטֵיין - מַאכְט אַז עֶס זָאל זַיין שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, מֶען זָאל נָאר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער כְּסִדְרָן אוּן מֶען וֶועט שׁוֹין פוּן זִיךְ אַלֵיינְס פַארְשְׁטֵיין, "וְאִם לֹא יָבִין תֵּכֶף, יָבִין אַחַר כָּךְ, וְאִם יִשָּׁאֲרוּ אֵיזֶה דְּבָרִים, שֶׁאַף עַל פִּי כֵן לֹא יוּכַל לַעֲמֹד עַל כַּוָּנָתוֹ - מַה בְּכָךְ?" אוּן אוֹיבּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וֶועט מֶען עֶס פַארְשְׁטֵיין בַּיים צְוֵויטְן מָאל; אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דֶעם צְוֵויטְן מָאל אִיז אוֹיךְ גָארְנִישְׁט, "כִּי מַעֲלַת רִבּוּי הַלִּמּוּד עוֹלָה עַל הַכֹּל, וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: 'לִגְמוֹר, וַהֲדַר לִסְבֹּר, וְאַף עַל גַּב דְּלָא יָדַע מַה קָאָמַר' שֶׁנֶּאֱמַר: "גָּרְסָה נַפְשִׁי לְתַאֲבָה", וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל קוֹדֶם אַסַאךְ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אֲפִילוּ עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס עֶר לֶערְנְט, אוּן דֶערְנָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען צוּ פַארְשְׁטֵיין, "כִּי עַל יְדֵי רִבּוּי הַלִּמּוּד, שֶׁיִּלְמַד בִּמְהִירוּת, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה, עַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לַעֲבֹר כַּמָּה פְּעָמִים אֵלּוּ הַסְּפָרִים שֶׁלּוֹמֵד, לְגָמְרָם, וְלַחֲזֹר לְהַתְחִיל, וּלְגָמְרָם פַּעַם אַחַר פַּעַם, וְעַל יְדֵי זֶה מִמֵּילָא יָבִין וְכוּ'", וַוייל אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעל, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ; מֶען אִיז זוֹכֶה אִיבֶּערְצוּגֵיין יֶעדֶע זַאךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְדִבֵּר הַרְבֵּה מְאֹד בְּעִנְיָן זֶה, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר דְּבָרִים אֵלּוּ בִּכְתָב הֵיטֵב, אֲבָל בֶּאֱמֶת הוּא דֶּרֶךְ עֵצָה טוֹבָה מְאֹד בְּעִנְיַן הַלִּמּוּד, כִּי עַל יְדֵי זֶה יְכוֹלִים לִזְכּוֹת לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, לִגְמֹר כַּמָּה וְכַמָּה סְפָרִים, וְגַם יִזְכֶּה לְהָבִין הַדְּבָרִים יוֹתֵר, מֵאֲשֶׁר הָיָה לוֹמֵד בְּדִקְדּוּק גָּדוֹל, כִּי זֶה מְבַלְבֵּל מְאֹד מִן הַלִּמּוּד", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט פוּנֶעם דֶּרֶךְ הַלִימוּד, אַז מֶען זָאל נִישְׁט זוּכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין גְלַייךְ וֶוען מֶען לֶערְנְט, נָאר מֶען זָאל לֶערְנֶען אַסַאךְ אָן פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיף דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד אִיז מֶען זוֹכֶה אָנְצוּקוּמֶען אַסַאךְ מֶער ווִי וֶוען מֶען לֶערְנְט שְׁטַייט אוּן מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין יֶעדֶע וָוארְט, וָואס דָאס שְׁטֶערְט נָאר דָאס לֶערְנֶען, "וְכַמָּה בְּנֵי אָדָם פָּסְקוּ מִלִּמּוּדָם לְגַמְרֵי עַל יְדֵי רִבּוּי הַדִּקְדּוּקִים שֶׁלָּהֶם, וּמְאוּמָה לֹא נִשְׁאַר בְּיָדָם", אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעקְוֶועטְשְׁט וְכוּ', "אֲבָל כְּשֶׁיַּרְגִּיל עַצְמוֹ לִלְמֹד בִּמְהִירוּת כַּנִּזְכָּר לְעֵיל - בְּלִי דִּקְדּוּקִים הַרְבֵּה, הַתּוֹרָה תִּתְקַיֵּם בְּיָדוֹ, וְיִזְכֶּה לִלְמֹד הַרְבֵּה מְאֹד, גְּמָרָא וּפוֹסְקִים כֻּלָּם, וְתַנַ"ךְ מִדְרָשִׁים וְסִפְרֵי הַזּוֹהַר וְקַבָּלָה, וּשְׁאָר סְפָרִים כֻּלָּם", אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען שְׁנֶעלֶערְהֵייט - אַזוֹי ווִי אוֹיבְן דֶערְמַאנְט, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן עֶר וֶועט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה - גְּמָרָא מִיט אַלֶע פּוֹסְקִים, תַּנַ"ךְ מִיט אַלֶע מִדְרָשִׁים, אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, "וּכְבָר מְבֹאָר שִׂיחָתוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, שֶׁטּוֹב לָאָדָם שֶׁיַּעֲבֹר בְּחַיָּיו בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁל הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה", אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מִיר זָאלְן דוּרְךְ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ. עַיֵּין שָׁם.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס נֶעמְט אָן דִי וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוֹיפְ'ן דֶּרֶךְ הַלִימוּד פוּן רֶבִּי'ן; וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין אַז עֶס וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אִים זַיין מֹחַ, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּרָא תש"פ)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## "קול ברסלב" טעלעפאן ליין

## ווערט אויסגעברייטערט

די ליניעס פונעם טעלעפאן ליין "קול ברסלב" ווערן פארפלייצט טאג טעגליך מיט צענדליגע טויזנטער רופן פון איבער די גאנצע וועלט, פון אידן וועלכע ווילן שעפן חיזוק און עצות פון הייליגן רבי'ן. די פילע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, די פילע דרשות, שיעורי תורה, שיעורי התחזקות, ניגונים, מעשיות פון תפלה, און נאך פיל מער, זענען א קוואל פון לעבן פאר אזויפיל אידן וואס זוכן אביסל ליכטיגקייט און ווארעמקייט, זיך צו דערנענטערן צום אייבערשטן און צו מצליח זיין אין לעבן ברוחניות ובגשמיות.

אין די לעצטע שטיק צייט איז אריינגעקומען גאר אסאך פארלאנגען פון אידן וואס פארשטייען נישט קיין אידיש, אבער זיי ווילן אויך קענען שעפן פונעם ריינעם קוואל, פונעם נחל נובע מקור חכמה, זיך אנצוזאפן די מיט עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, וואס באגלייטן דעם מענטש אין יעדן טריט אין לעבן. דערפאר האט מען יעצט צוגעלייגט פרישע אפטיילונגען גלייך ביים אנהויב פונעם סיסטעם, צו קענען הערן אויך שיעורים און לשון הקודש און אויף ענגליש.

אויף די פרישע אפטיילונגען קענען שוין הערן פילע שיעורים, און מיט די צייט וועט ווערן צוגעלייגט נאך פארשידענע אינטערעסאנטע זאכן צו די צופרידנהייט פון די פילע טויזנטער צוהערער.

אויך אויף די פרויען טעלעפאן ליין, "קוואל פון חיזוק" איז צוגעשטעלט געווארן א באזונדערע קנעפל פאר שיעורים און דרשות אין ענגליש, אז אויך די וועלכע פארשטייען נישט קיין אידיש, זאלן קענען מיטהאלטן.

עס קומען כסדר אריין פילע דאנק מעסעזשעס פון אידן וואס זייער לעבן איז אויפגעראכטן געווארן א דאנק די טעלעפאן ליניעס. פון די גאר ברייטע אויסוואל פון אזויפיל אינטערעסאנטע אפטיילונגען אויפ'ן ליין, איז דא גענוג פאר יעדן איינעם צו טרעפן זיין ווינקל פון וואס ער האט די מערסטע הנאה, און וואס איז אים מחזק און געבט אים מוט צוריק צו קומען צום אייבערשטן אין אלע אומשטענדען.

אויב האט איר נאכנישט אויספרובירט דעם ליין, איז יעצט די צייט דאס צו טון, איר וועט זיך מחיה זיין מיט יעדע אויסוואל באזונדער, און האבן א געוואלדיגע ניצן דערפון אין אלע אספעקטן אין לעבן.

די נומערן צו רופן די טעלעפאן ליניעס קען מען זען יעדע וואך אין די קעסטלעך ביים סוף פונעם גליון.

**ישמע חכם ויוסף לקח!**

**על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון**

**Broadway Environmental Group**

Asbestos Services

**347-627-2048**

service@broadwayenv.com

**Serving the 5 boroughs**

**פארזיכערט אייער פלאץ ביים געהויבענעם**

**>> שבת סיום הש"ס <<**

**דעם קומענדיגן שב"ק ויגש תש"פ**

**אין די קראון פלאזא האטעל, רופט שוין**

**917-541-1197**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר ווען פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה אברהם משה שטראססער שליט"א

**מנהל כללי דמוסדותינו הקדושים**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

ר' אברהם משה איז דער בריח התיכון פון אונזערע הייליגע מוסדות, נאר א דאנק זיין געוואלדיגע מסירת נפש די אלע יארן, מיום הווסדה ועד עתה, האבן זיך די מוסדות אוועקגעשטעלט אזוי שיין לשם ולתפארת, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די געוואלדיגע זכותים זאלן איםביישטיין און ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און ער זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט זיין הייליגע ארבעט

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**